א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

תשע"ט | פרשת כי תבוא | 297

## מאוצרות אמונים — פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### 'אלוקי אבותינו' און 'אלוקי אברהם'

**"כִּי בָאתִי אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע ה' לַאֲבֹתֵינוּ לָתֶת לָנוּ"** (כו ג)

אין משנה (ביכורים א ד) זעהן מיר, אז א גר וואס ברענגט ביכורים קען נישט ליינען די פרשה פון 'ביכורים', ווייל ער קען נישט זאגן: "אֲשֶׁר נִשְׁבַּע ה' לַאֲבֹתֵינוּ". אבער פון די אנדערע זייט פסק'ענען די בעלי התוספות אז ביי 'שמונה עשרה' קען דער גר זאגן: "אלוקינו ואלוקי **אבותינו**" [אזוי ווי עס שטייט אין די ברייתא וואס ווערט אראפ געברענגט אין ירושלמי]. וואס איז דער חילוק?

ערקלערט **רבי יצחק כ"ץ** דער איידעם פונעם מהר"ל מפראג:

ביים דאווענען קען דער גר אינזין האבן ביי די ווערטער: "ואלוקי אבותינו", אויף אדם און נח - די אבות פון אלע פעלקער, און ביי די קומענדיגע ווערטער: "אלוקי אברהם, אלוקי יצחק ואלוקי יעקב" זאל ער אינזין האבן אויף די אבות פון כלל ישראל. אבער ביי די פרשה פון ביכורים, די ווערטער: "אשר נשבע ה' לאבותינו", קען נישט אויסגעטייטש ווערן נאר אויף די הייליגע אבות, ווייל נאר פאר זיי האט השי"ת געשוואוירן געבן דאס לאנד. דעריבער קען נישט דער גר זאגן 'לאבותינו', ווייל ער איז נישט פון זייערע קינדער.

'בעלי התוספות' על התורה; הגהות ר"י כ"ץ על 'פענח רזא'

### 'ולא שכחתי' - נאר זיך געהאלטן שטאלץ

**"וְאָמַרְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בִּעַרְתִּי הַקֹּדֶשׁ מִן הַבַּיִת... כְּכָל מִצְוָתְךָ אֲשֶׁר צִוִּיתָנִי לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וְלֹא שָׁכָחְתִּי"** (כו יג)

די ווערטער וואס מ'זאגט ווערט אנגערופן אין די משנה (סוטה לב א): "וידוי מעשרות". לכאורה דארף מען פארשטיין ווי טרעפט מען אין די פרשה א וידוי אויף א זינד, אדרבה, אין די ווערטער זאגט מען דאך אז מ'האט אלעס מקיים געווען ווי עס דארף צו זיין?

זאגט **רבי דוד [א זוהן פון רבי מאיר] אריק**:

ביי די ברכה פון 'זכרונות' פון ראש השנה ענדיגט מען: "כי זוכר כל הנשכחות אתה... ואין שכחה לפני כסא כבודך". לכאורה די ווערטער זענען געדאפלט, נאר זאגט דער **הייליגער רוזשינער** פשט אין דעם, השי"ת געדענקט נאר די מצוות און עבירות וואס דער מענטש פארגעסט פון זיין הארץ; די מצוות וואס ער האט 'פארגעסן' און זיך נישט גרויס געהאלטן מיט דעם, און פון די צווייטע זייט די עבירות וואס ער האט 'פארגעסן' און נישט תשובה געטוהן. אבער די עבירות וואס דער מענטש געדענקט און האט חרטה אויף דעם, און דאס זעלבע די מצוות וואס ער געדענקט און האלט זיך גרויס מיט זיי, ווערן נישט געדענקט פאר השי"ת.

לויט דעם קען מען טייטשן, אז די 'וידוי' ליגט באהאלטן אין די ווערטער: "לא עברתי ממצוותיך ולא שכחתי" - אז איך האב נישט מקיים געווען די מצוות מיט ענוה, נאר איך האב זיך גרויס געהאלטן מיט זיי.

'טל תורה החדש'

## מבאר אמונים

מקורות אין גודל מעלת עניית אמן

### זוכה צו ענטפערן אמן אין עולם הבא

**"וְעָנוּ כָל הָעָם וְאָמְרוּ אָמֵן"** (כז טו)

מיר געפונען אין מדרש (דב"ר ז א): "אמר רבי יודן כל מי שעונה אמן בעולם הזה, זוכה לענות אמן לעתיד לבא"

**רבי אליהו האיתמרי** דער בעל 'שבט מוסר', טייטש אויס דעם מדרש אויף דריי אופנים:

"מ'קען עס טייטשן בדרך דרש, לויט וואס דער מקובל האלקי כמהר"ר יצחק לוריא אשכנזי זצ"ל ('עץ הדעת טוב' כי תצא) זאגט אז א מענטש קומט אויף דער וועלט מקיים זיין עפעס א מצוה וואס פעלט, און ער דארף משלים זיין די מצוה. און דער מענטש וואס באשעפטיגט זיך שטענדיג מיט א געוויסע מצוה זאל ער וויסן אז אויף די מצוה איז ער געקומען אויף דער וועלט. און דאס איז מרומז אין מדרש...: 'כל מי שעונה אמן בעולם הזה', ד.מ.: אז ער איז א גאנצע צייט באשעפטיגט ענטפערן אמן, איז ער 'זוכה לענות אמן לעתיד לבא', ווייל דאס ווייזט אז ער איז געקומען אויף דער וועלט מקיים זיין די מצוה, און דורך דעם גייט ער ארויף גאנץ אין עולם הבא...

נאך קען מען טייטשן, חז"ל זאגן (ילקו"ש ישעיה תכט) אז לעתיד לבא וועלן די רשעים פון גיהנם ענטפערן אמן אויף דער קדיש וואס זרובבל בן שאלתיאל וועט זאגן אין גן עדן, און ווען דער אויבישטער הערט זייער שטימע נעמט ער זיי ארויס פון גיהנם... און דאס זאגט רבי יודן 'כל העונה אמן בעולם הזה', ד.מ.: 'כל האומר' - אריינגערעכנט א רשע גמור, 'זוכה לענות אמן לעתיד לבא', ווייל אויך ווען ער וועט זיין אין גהינם - וועט ער פון דארט זוכה זיין צו ענטפערן.

אויף נאך א וועג קען מען טייטשן, דער בעל 'שי למורא' ברענגט (סי' ט) א שאלה: ווער עס הערט קדיש און קדושה - וואס איז פריער? ענטפערט ער, אז אמן איז חשובער, און ער ברענגט עטליכע ראיות דערויף. און דאס האט רבי יודן גע'פסק'נט און געזאגט: 'כל העונה אמן בעולם הזה זוכה לענות אמן לעתיד לבא', ד.מ.: 'כל העונה' - אפילו צוליב דעם האט ער נישט געענטפערט אויף 'קדושה', זאל ער נישט טראכטן אז די 'קדושה' איז גרעסער פון ענטפערן אמן...".

'חוט של חסד' עקב

### א ברכה פארגעסט מען נישט

**"לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וְלֹא שָׁכָחְתִּי"** (כו יג)

וברש"י: "'ולא שכחתי' - מלברך על הפרשת מעשרות"

ערקלערט דער **'בית ישראל'** פון גור:

עס איז קלאר אז די כוונה איז נישט זיך גרויס האלטן אז ער האט נישט פארגעסן פון זאגן א ברכה, פארוואס זאל ער דען פארגעסן?! נאר זיין כוונה איז דערציילן אז ער האט קיינמאל נישט פארגעסן און געהאט א ספק צי ער האט געזאגט א ברכה צי נישט, ווייל ער האט אייביג אכטונג געגעבן צו זאגן א ברכה מיט גרויס כוונה.

און אזוי דערציילט מען אויפן **'חתם סופר'**: יעדן אינדערפריה פלעגט דער משמש אריינברענגען א קוכן מיט א גלאז קאווע. דער משמש איז געווען א בלוטיגער ארימאן, און איינמאל ווען דער הונגער האט זיך געשטארקט, האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן, און האט אויפגעגעסן די קוכן, ווען ער טראכט ביי זיך אין הארץ אז דער רב וועט זיכער נישט באמערקן אז עס פעלט, ווייל ער איז דאך שטענדיג פארטיפט אין לערנען.

ווי גרויס איז געווען זיין איבערראשונג ווען דער חתם סופר האט אים שפעטער אין די מיטאג שעה'ן געפרעגט פארוואס ער האט אים נישט געברענגט די קוכן אזוי ווי זיין שטייגער?

ווען דער משמש האט געוואלט לייקענען און זאגן אז דער רב האט זיכער פארגעסן אז ער האט עס אויפגעגעסן, האט דער חתם סופר עס נישט געוואלט אננעמען, און האט אים געזאגט: "צי איך האב געגעסן צי נישט - געדענק איך נישט, אבער צי איך האב געזאגט א ברכה צי נישט, געדענק איך גוט...".

'ליקוטי יהודה'; 'ומתוק האור' הגש"פ עמ' 318

### 'זיך אויסמאלן' אין די געדאנקען פארן דאווענען

**"הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל"** (כז ט)

"'הַסְכֵּת' - צייר במחשבתך" (ספורנו)

שרייבט דער **שם משמואל פון סאכאטשאב**:

מיר דארפן זיך אפלערנען פון די ווערטער, אז יעדע מאל וואס מיר גייען דינען דעם אויבערשטן ביים דאווענען און ביים לערנען, דארפן מיר פריער אויסמאלן אין אונזערע געדאנקען די גרויסע זאך וואס מיר גייען יעצט טוהן, און די נוצן און עררייכונג וואס מיר וועלן האבן פון דעם, אזוי ווי די חכמים דערציילן אונז (ברכות ל ב): "חסידים הראשונים היו שוהין שעה אחת ומתפללין, כדי שיכוונו ליבם לאביהם שבשמים".

'שם משמואל'




יאר תשס"א. יו"ט שבועות ביינאכט זמן מתן תורתינו איז נפטר געווארן אין בני ברק א חשובער יונגערמאן, זייער א פלייסיגער און א געוואלדיגער מתמיד, רבי משה הורוויץ זצ"ל. נאך זיין פטירה האט ער זיך אנטפלעקט אין חלום צו זיין חברותא אין כולל חזון איש, און דער חברותא האט אים געפרעגט: 'דו קענסט מיר אפשר דערציילן וואס וויל מען אין הימל מיר זאלן פאררעכטן...?', האט רבי משה אים געזאגט: **'מ'זאל מקפיד זיין צו ענטפערן אמן כהלכתה!** אין הימל איז מען זייער מקפיד אויף דעם וואס איז נישט אפגעהיטן אין דעם'.

'נוטרי אמן' ח"ב עמ' שכ

**ברכות השחר: אויפן קול מיט כוונה מיט א חברותא.**

# תענה אמונים

א בליק איבער די מעלה
פון 'השכמת בית המדרש'

## עשרה ראשונים (ב)

### 'ומשחרי ימצאונני...'

אין די גמרא וואס מיט דעם האבן מיר אנגעהויבן דעם ארטיקל (ברכות מז ב) זאגן די חז"ל זייער גרויסע זאכן איבער דער שכר פון די עשרה ראשונים, און זיי זאגן אז אפילו הונדערט מענטשן קומען שפעטער אין שוהל, באקומען זיי די שכר פון אלעמען. פארוואס זיי האבן אזוי שטארק מחשיב געווען די מעלה פון די וואס קומען פריה אין שוהל, איז פארהאן עטליכע ערקלערונגען:

אין זוהר הקדוש (שמות קלא א) שטייט אז די וואס קומען פריה בעפאר די אנדערע מתפללים קומען, ווייזן זיי מיט דעם אז זיי טוהן נישט די מצוות צו 'יוצא זיין', נאר צוליב זייער ליבשאפט צו ה' יתברך. און ברענגען אויף דעם א משל, א קעניג וואס האט זיך ארויסגעלאזט אויף א לענגערע רייזע, ווייט פון זיין לאנד, ווען די איינוואוינער פון זיין לאנד האבן געהערט אז ער גייט צוריק קומען, האבן א טייל פון זיי אפגעלאזט אלע זייערע געשעפטן און זיך געאיילט ארויסגיין צו די בערג אינדרויסן פון די לאנד, דארט האבן זיי געווארט אויף אים בעפאר ער איז געקומען. דאקעגן, אסאך אנדערע האבן פארשפעטיגט צוקומען ביז ווען זיי האבן געענדיגט זייערע ענינים, און אזוי זענען זיי אנגעקומען צו די באגעגעניש פלאץ ערשט נאך וואס דער קעניג איז שוין דארט געווען. לאמיר אליין אריינטראכטן, כאטש אז אויך די זענען געקומען מקבל פנים זיין דעם קעניג, דאך, די וואס זענען געקומען פריה האט דער קעניג אנגערופן 'מיינע ליבהאבער', און האט זיי געשאנקען אסאך גוט'ס און כבוד, אבער פאר די אנדערע האט ער געגעבן אזוי ווי פאר געווענליכע בירגער.

לענינינו, די וואס קומען פריה אין שוהל, ווייזן מיט דעם ארויס זייער אומגעהויערע ליבשאפט צום קעניג, און אויף זיי זאגט דער פסוק (משלי ח יז-יח): "אֲנִי אֹהֲבַי אֵהָב וּמְשַׁחֲרַי יִמְצָאֻנְנִי; עֹשֶׁר וְכָבוֹד אִתִּי הוֹן עָתֵק וּצְדָקָה", דאקעגן די אנדערע זענען נישט זוכה צו די מעלה.

און אין זוהר הק' שטייט ווייטער, ווי מער פריה דער מענטש קומט אין שוהל, אזוי איז ער אויך זוכה זיך צו מחבר זיין און מדבק זיין מער אין די שכינה, און דורך דעם קומט ער צו צו די מדריגה פון א 'צדיק' וואס געפינט זיך נאנט צו די שכינה. שרייבט אויף דעם דער מהר"ם די לונזאנו ('שתי ידות' - דרך חיים עמ' צז), אויב וואלט די וועלט פארשטאנען די באדייט פון די מדריגה פון א 'צדיק' וואס איבער דעם רעדט דער זוהר, "וואלט מען זיך געוואונדערט אויף די חשיבות פון דער וואס קומט פריה אין שוהל, און יעדן טאג וואלט מען זיך ארום געקריגט ווער ס'זאל אריין גיין פריער".

### 'כי מצאי מצא חיים'

אין גמרא (ברכות ח א) ברענגט מען אויף דעם די פסוק אין משלי (ח לד): "אַשְׁרֵי אָדָם שֹׁמֵעַ לִי לִשְׁקֹד עַל דַּלְתֹתַי יוֹם יוֹם לִשְׁמֹר מְזוּזֹת פְּתָחָי; כִּי מֹצְאִי מָצָא חַיִּים וַיָּפֶק רָצוֹן מֵה'". ערקלערט דער מהר"ם די לונזאנו (שם): "אשרי אדם שומע לי" - און נישט צו זיין יצר, "לשקד" - ווייל איינער וואס וויל זיין פון די עשרה ראשונים דארף זיך שטארק צופלייסן: 'לשמר מזוזת פתחי' - לויפן צום שוהל נאך בעפאר די טויערן זענען געעפנט. אבער עס פעלט אויס דער מענטש זאל זיך אזוי פירן 'יום יום' טאג טעגליך, ווייל אויב נישט, פרעגט דער אויבישטער (ישעיה נ ב): "מַדּוּעַ בָּאתִי וְאֵין אִישׁ?!" - 'אי"ש' איז ר"ת 'אמן יהא שמיה רבא', ווייל ווען עס זענען נישטא דארט צעהן מענטשן קען מען נישט לויבן השי"ת מיט דעם לויב.

וואס איז דער שכר פון דער וואס געבט אכטונג אויף דעם?: "כי מצאי מצא חיים ויפק רצון מה'", ווייל ער קומט פריה אין שוהל, איז ער זוכה צו טרעפן דארט ה' יתברך, און ממילא איז ער זוכה צו א גוטע לעבן און זיינע תפילות ווערן אנגענומען.

דער אלשיך הק' לייגט צו און ערקלערט דעם המשך פון דער פסוק אין משלי (שם פס' לה): "כי מוצאי מצא חיים ויפק רצון מה'", נישט אזוי ווי איינער וואס גייט צו א דאקטער א בשר ודם צו טרעפן א רפואה אויף זיין קראנקייט, וואס אפילו אויב ער איז 'מוצא חיים', ווערט ער דורך דעם נישט זוכה זיין צו געפינען חן אין די אויגן פונעם דאקטער, נאר פארקערט, יענער ווערט פאדערן פון אים א טייערן פרייז. אבער, דער אויבישטער, אויסער פון וואס ער געבט לעבן פאר דער וואס קומט אין שוהל, באקומט ער אויך א ספעציעלע חן - 'ויפק רצון מה'' ('רב פנינים' משלי שם).

### 'מקום שלבי אוהב'

אין מכילתא (יתרו יא) דרש'נט מען פון דער לשון הפסוק (שמות כ כא): "בְּכָל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַזְכִּיר אֶת שְׁמִי אָבוֹא אֵלֶיךָ וּבֵרַכְתִּיךָ": "רבי אליעזר בן יעקב זאגט: אויב דו וועסט קומען צו מיין הויז, וועל איך קומען צו דיין הויז, און אויב דו וועסט נישט קומען צו מיין הויז, וועל איך נישט קומען צו דיין הויז; צו א פלאץ וואס מיין הארץ האט ליב, דארט טראגן מיך מיינע פוס. פון דא לערנען די חכמים ארויס, ווען צעהן מענטשן קומען אריין אין שוהל, איז די שכינה מיט זיי, אזוי ווי עס שטייט (תהלים פב א): 'אלקים נצב בעדת א-ל'".

ערקלערט דער 'ברכת הנצי"ב' (שם), ווייל דער אויבישטער האט ליב א שוהל, איז כביכול זיינע פוס טראגן אים אהין, און ווער עס קומט פריה, איז ער זוכה צו מדה כנגד מדה אז דער אויבישטער מאכט רועהן זיין ברכה אין זיין הויז. און עס שטייט אין 'בעל הטורים' (שמות שם, וכעי"ז ב'ארחות חיים' מלוניל תפילה עה) אז די ווארט "אבוא" איז בגימטריה צעהן, און פון דא זעהט מען אז די ברכה באקומען די אלע עשרה ראשונים, ווייל אויב זיי געפונען זיך אין שוהל, דעמאלטס: "אבוא אליך וברכתיך".

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## חלומות וואס האבן זיך באגעגנט נאך צעהן יאר

די ספעציעלע ערציילונג איז פאר אונז דערציילט געווארן דורך דער בעל המעשה, הרה"ג ר' יהושע וואקספרעס שליט"א פון די חשובע בעלזער חסידים אין בני ברק, און אין דעם ליגט א געוואלדיגער חיזוק און התעוררות אויף דעם ענין פון דאווענען ווי עס דארף צו זיין, מיט א גלאסנקייט און מיט א ישוב הדעת, אין איר גרויסן כח אין הימל.

און אזוי דערציילט אונז הרב וואקספרעס:

אינמיטן חודש אדר תש"ס איז מיין חשובער פאטער הרה"ח ר' חיים וואקספרעס זצ"ל נפטר געווארן לחה"ה. א קורצע צייט נאך זיין פטירה, באלד נאך יו"ט פסח, ביז איך צוריק געקומען קיין ארץ ישראל נאכן וואוינען אין אמעריקע ארום פופצן יאר, כדי איך זאל קענען ארויסהעלפן מיין מאמע וואס איז איבערגעבליבן עלנד אליין.

אין אמתן, האב איך געהאט א אייגענע הויז אין בני ברק, אבער ווייל אין יענע צייט איז עס געווען פארדינגען פאר א צווייטן, האב איך אויף ביז דערווייל געדינגען א הויז אין אנדערע געגנט, און אזוי איז אויסגעקומען אז האב איך געדאוונט יעדן אינדערפריה פארן עמוד אין די צענטראלע שוהל פון יענע געגנט - א שוהל ווי דארט זענען דא יעדן טאג אסאך מנינים.

איך האב זיך געפריידט צו זעהן אז אין איינע פון די ערשטע מנינים איז נישטא קיין באשטימטער שליח ציבור, און איך האב באשלאסן צו דאווענען פארן עמוד אין דעם מנין יעדן טאג. ווייל פון מיין נאטור בין איך צוגעוואוינט צו דאווענען גלאסן, האב איך ווייטער זיך אזוי געפירט, און ווי מער די טעג זענען אריבער האב איך זיך געפריידט צו זעהן נישט ווייניג טייערע יונגעלייט וואס האבן באשלאסן דאווענען אין דעם מנין, דווקא וועגן דעם, ווען זיי דערציילן מיר זייער געוואלדיגע הנאה פון די סארט דאווענען.

נאך חיזוק האב איך באקומען א שטיקל צייט שפעטער, ווען עס האט מיך אנגעקלינגען א מאמע פון א צוועלעף יעריגער יונגל וואס האט געדאווענט יענעם אינדערפריה אין 'מיין' מנין.

די מאמע האט מיט צער דערציילט אז איר זוהן וואס געפונט זיך יעצט אינמיטן די 'יאר' פון די פטירה פון איר מאן - זיין טאטע ז"ל, האט זיך זייער געפלאגט ביז יעצט טרעפן א מנין וואו דארט קען ער זאגן דעם 'קדיש' ווי עס דארף צו זיין; כמעט יעדן טאג האט ער זיך פאר איר אפגערעדט אז צוליב דעם וואס די חזנים איילן זיך, איז אים שווער צו זאגן קדיש ווי עס דארף צו זיין, און נאר יעצט, נאך א לאנגע תקופה וואס ער האט זיך געוואלגערט פון איין מנין צום צווייטן, האט ער אנגעטראפן דעם מנין ווי איך בין געווען דער שליח ציבור, און ערשט יעצט איז אים געלונגען דאווענען און זאגן די קדיש ווי עס דארף צו זיין.

די פרוי האט מיר אנגערופן וועלנדיג מיר פרעגן אויב איך בין מסכים אז איר זוהן זאל ווייטער קומען דאווענען מיט מיר און זאגן דעם קדיש יעדן טאג, פארשטייט זיך אז מיט גרויס פרייד און מיטן גאנצן הארץ האב איך אנגענומען איר געבעהט. איך האב איר געמאלדן אז פון היינט און ווייטער וועל איך נעמען איר זוהן אונטער מיין זארג און איך וועל זארגן אז יעדן טאג זאל ער זאגן די קדישים אויף זיין גאנג, און זי האט זיך פאר מיר באדאנקט מיט גרויס התרגשות.

פון יענעם טאג און ווייטער, יעדן אינדערפריה איז דער יונגל געווען אין שוהל עטליכע מינוט פארן דאווענען ווען ער זאגט מיט מיר דעם קדיש פאר 'הודו', און אויך ביי די קדישים פון נאכן דאווענען איז ער געשטאנען נעבן מיר ווען איך גיב אכטונג זאגן די קדישים געלאסן צו זיין גרויסע פרייד.

צוליב דעם וואס מיר האבן געדאווענט צוזאמען יעדן טאג זענען מיר נאנט געווארן איינער צום אנדערן. און אויך נאך וואס מיר האבן זיך צושפרייט - סיי ווייל אונז צוויי האבן געענדיגט דעם 'יאר', און סיי ווייל אין די צייט איז ליידיג געווארן מיין אייגענע הויז און איך בין דארט אריבער וואוינען - דאך האבן מיר ווייטער אנגעהאלטן אויף א שטיקל צייט דעם קשר; ווען ער איז 'בר מצוה' געווארן, האב איך זיך באטייליגט, און עטליכע יארן נאכדעם האב איך זוכה געווען זיך באטייליגן ביי זיין חתונה, אבער פון דעמאלטס האב איך גארנישט געהערט פון אים צו זאגן.

עס זענען אריבער נאך עטליכע יאר. אין א געוויסע טאג האט איך געדארפט צוגיין צו די אפיס פון איינע פון די באקאנטע חסד ארגאניזאציע'ס, וואו דארט האב איך געדארפט בארגן א געוויסע מעדיצינע אַקסעסערי. איך בין צוגעגאנגען צו די סעקרעטארן כדי צו געבן א טשעק ווי ס'איז איינגעפירט, איז ווען זי האט געגבן א קוק אויף מיין נאמען וואס איז אויפגעשריבן אויפן טשעק, האט זי זיך פארגעשטעלט אלץ די מאמע פון יוסי, דער יונגל וואס האט געדאווענט מיט מיר פאר העכער צעהן יאר צוריק, און זי האט מיר געוואלט פארציילן א ערציילונג וואס לויט אירע ווערטער האט זי עס נאכנישט פארציילט.

די פרוי האט פארציילט, אז אין די וואך בעפאר זי האט זיך געוואנדן צו מיר איבער איר זוהן וואס ביז דעמאלטס האט ער נישט געקענט זאגן דעם קדיש ווי עס דארף צו זיין, האט זיך איר מאן ז"ל אנטפלעקט צו איר - בדרך אגב, זיין טאטע איז געווען א נאנטער שכן פון מיין טאטע אין זייער וואוינארט אינמיטן לאנד - ווען ער זאגט איר מיט א אויפגעברויזטע געזיכט: 'אויף וואס דארף איך בכלל די קדיש פון יוסי? ענדערשט זאל ער אינגאנצן נישט זאגן קיין קדיש, ווי ער זאל זאגן אזוי גרייזיג און מיט אפגעהאקטע ווערטער!'

אין אנהויב האט זי זיך נישט באצויגן צו דעם חלום, נאר נאך וואס דער חלום האט זיך איבערגע'חזר'ט אין לויף פון פיר נעכט איינס נאכן צווייטן, האט זי באשלאסן צו טוהן דאס מערסטע וואס זי קען כדי צו טרעפן א פאסיגע מנין פאר איר זוהן. און אט, וואונדער איבער וואונדער, פון יענעם אידערפריה וואס ער האט אנגעהויבן דאווענען אין 'מיין' מנין, איז איר מאן מער נישט געקומען צו איר אין חלום.

ווען איך האב געהערט די ערציילונג פון די פרוי בין איך אינגאנצן איבערגענומען געווארן, אזוי ווייט אז טרערן זענען מיר געקומען אין די אויגן, און נישט נאר פון די עצם געשיכטע, נאר מערסטנ'ס ווייל די חלום וואס זי האט גע'חלום'ט האט מיר דערמאנט א אנדערער חלום וואס איך האב געהאט גע'חלום'ט אין יענע תקופה:

ארום א חודש נאך וואס דער יונגל האט אנגעהויבן דאווענען מיט מיר, און אט, איין נאכט חלום'ט זיך מיר, אז איך זעה מיין טאטן זצ"ל, וואס ווען ער האט געלעבט איז ער געווען געוואוינט צו דאווענען פון מאל צו מאל אין דער שוהל וואס איך האב געדאווענט אין יענע תקופה, ווען ער שטייט אויף זיינע פוס ביים אריינגאנג פון דער שוהל, זיין אויסזעהן איז פריש און געזונט, אנגעטוהן מיט שיינע און ריינע קליידער, אזוי ווי ער איז געגאנגען אנגעטוהן אין זיינע גוטע יארן.

איך האב א גאנצע צייט נישט אראפ גענומען מיינע אויגן פון אים, און איך זעה ווי ער קומט אריין אין שוהל אין שפאצירט אהין און אהער, און ווען איינער פון די מתפללים איז צו אים צוגעגאנגען און אים געפרעגט מיט וואונדער: "ר' חיים, דו ביזסט דאך אין עולם האמת, וואס טוהסטו דא?!", האט מיין טאטע געענטפערט ווען זיינע אויגן שטראלן פון פרייד: "איך בין געקומען זעהן אין וועלכע 'שטיבל' מיין זוהן דאוונט...", און איז באלד פארהוילן געווארן פון מיינע אויגן.

דעמאלטס האב איך זיך נישט באצויגן מיט א ספעציעלע חשיבות צו דער חלום, איך האב זיך טאקע געפריידט צו זעהן מיין טאטע וואס צו אים בין איך געווען אזוי שטארק צוגעבינדן, איז זיין אויסזעהן אזוי שיין און פריש, איך האב פארשטאנען אז איך האב זוכה געווען צו טוהן פאר זיין נשמה א נחת רוח מיט מיין דאווענען. אבער נאר נאך וואס איך האב שוין כמעט פארגעסן פונעם חלום, בין איך איבערראשט געווארן צו הערן אז ממש אין יענע צייט איז אויך דער פאטער פון דער קינד געקומען אין חלום, זארגנדיג אויף זיין זוהן זאל דאווענען נאך אים מיט א גלאסנקייט ווי עס דארף צו זיין.

עס איז קלאר אן קיין ספק אז אזא תפילה האט פאר זייער נשמה געטוהן א נחת רוח, און עס איז זיכער אז זיי האבן געהאט פון דעם א עילוי נשמה. וואויל איז מיר אז איך האב צו דעם זוכה געווען.

עיצובים shay